## קאַפּיטל פינף

1 די זקנים דעריבער צווישן אייך בין איך מזהיר,
וואָס איך בין אויך אַ זקן און אַן עדות פון דעם
משיחס ליידן, ווי אויך אַן אַנטיילנעמער אין דעם
2 כבוד, וואָס דאַרף אַנטפּלעקט ווערן: פּאַשעט
גאָטס סטאַדע, וואָס איז בײַ אייך, געבנדיק
השגחה, נישט געצוואונגענערהייט, נאָר אויס גוטן
ווילן, לויט (דעם רצון פון) ג־ט; און נישט צוליב
3 שענדלעכע פאַרדינסטן, נאָר מיט מונטערקייט; און
אויך נישט ווי איר וואָלט געהערשט איבער די
ירושות, נאָר ווערט פאָרבילדער פאַר דער סטאַדע.
4 און ווען דער הויפּט־פּאַסטוך וועט דערשײַנען,
וועט איר באַקומען די קרוין פון כבוד, וואָס פאַר־
5 וועלקט נישט. פּונקט אַזוי, איר יונגערע, אונ־
טערטעניקט זיך צו די זקנים, און אַלע זאָלט איר
זיך אָנקליידן מיט ענוותדיקייט איינער לגבי דעם
אַנדערן; ווײַל ג־ט שטעלט זיך אַקעגן די שטאָלצע,
6 די נידריקע אָבער גיט ער חן. (משלי ג, לד.) דער־
נידעריקט זיך דעריבער אונטער ג־טס מעכטיקער
האַנט, כדי ער זאָל אייך דערהייכן אין דער געהע־
7 ריקער צײַט! וואַרפט אַלע אײַערע דאגות אויף אים,
8 ווײַל ער זאָרגט פאַר אײַערטוועגן. זײַט ניכטער,
זײַט וואַכזאַם; אײַער שונא, דער שטן, גייט אַרום
ווי אַ ברומענדיקער לייב, זוכנדיק וועמען אײַנצו־
9 שלינגען; שטעלט זיך אים אַנטקעגן, פעסט אין
דער אמונה, און זײַט וויסן, אַז די זעלביקע עינוים
ווערן דערפילט אין אײַערע ברידער אין דער
10 וועלט. און דער ג־ט פון יעדן חסד, וועלכער האָט
אייך גערופן צו זײַן אייביקן כבוד אין משיח,